# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת שמות, כ"א טבת, שנת תש"פ לפ"ק

שנה 9, גליון 17 (431)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................4:40
מוצאי שב"ק....................6:09

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..........................דניאל ט'-י'
בבלי.........................ברכות ט"ו
ירושלמי.............עירובין מ"ה
תוספתא........כלים מציעא י"א
רמב"ם.......שלוחין ושותפים ב'

## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### בְּהוֹצִיאֲךָ אֶת הָעָם מִמִּצְרַיִם תַּעַבְדוּן אֶת הָאֱלֹקִים עַל הָהָר הַזֶּה

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר דִי אִידְן: "בָּנַי, בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע בָּרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין", מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס אִיז אַ מֶעדֶעצִין קֶעגְן אִים, "וְאִם אַתֶּם עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה, אֵין אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ", אוֹיבּ לֶערְנְט עֶטְץ תּוֹרָה וֶועט אִיר נִישְׁט זַיין אוּנְטֶער אִים, "וְאִם אֵין אַתֶּם עוֹסְקִין בַּתּוֹרָה, אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ", אוּן אוֹיבּ לֶערְנְט אִיר נִישְׁט קַיין תּוֹרָה וֶועט אִיר זַיין אוּנְטֶער אִים; דָאס אִיז דִי עֵצָה קֶעגְן אַלֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס מִיר הָאבְּן אִין אוּנְזֶערֶע טֶעג.

בִּפְרַט אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַ דַף גְּמָרָא יֶעדְן טָאג, דָאס פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ "לִילִית", עַל־כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט עֶר דִי קְלִיפָּה וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית, אוּן דָאס רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ נִישְׁט אַרָאפְּצוּפַאלְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, דָאךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען דַארְף נָאר לֶערְנֶען – זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, 'וּמִמֵּילָא יָבִין' אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין סַיי וִוי פַארְשְׁטֵיין; אַז מְ'פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דֶער קָאפּ עֶפֶענְט זִיךְ אוֹיף, אוּן בְּמֶשֶׁךְ הַזְּמַן הֵייבְּט מֶען אָן צוּ פַארְשְׁטֵיין. אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעזֶען בַּיי אַסַאךְ בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת.

פַאר מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען אוֹיפְן "דֶרֶךְ הַלִימּוּד" פוּנֶעם רֶבִּי'ן, זוּכְט מֶען רְאַיוֹת, מֶען ווִיל מַאכְן זִיכֶער אַז עֶס הֵייסְט גֶעלֶערְנְט, אָבֶּער אֵיין מָאל מֶען לֶערְנְט שׁוֹין אוֹיפְן "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימּוּד" דַארְף מֶען שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם רְאַיוֹת צִי עֶס הֵייסְט גֶעלֶערְנְט צִי נִישְׁט, מֶען קוּקְט זִיךְ אַלֵיין אָן אוּן מֶען זָאגְט: "אַ רְאָיָה בִּין אִיךְ!" בִּבְחִינַת "אַ מוֹפֵת בִּין אִיךְ" אַזוֹי וִוי ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ; מֶען פְלֶעגְט בֶּעטְן ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עֶר זָאל פַארְצֵיילְן אַ מוֹפֵת פוּן ר' נָתָן, פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: "אִיר דַארְפְט אַ מוֹפֵת? אַ מוֹפֵת בִּין אִיךְ", אַז פוּן "נַחְמָן וַואסֶער טְרֶעגֶער" אִיז גֶעוָוארְן "ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער"! וַוייל עֶר הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט וִוי ר' נָתָן זָאגְט תּוֹרָה, אוּן אִינְמִיטְן דִי תּוֹרָה הָאט ר' נָתָן גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט, אוּן מֶען קֶען זִי נִישְׁט בַּאקוּמֶען, תּוֹרָה וּתְפִלָּה אִיז יָא, אוּן מֶען קֶען עֶס בַּאקוּמֶען"; דִי וֶוערְטֶער אִיז אִים אַרַיין אִין קָאפּ אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן בַּיי ר' נָתָן, ר' נָתָן הָאט גֶעזֶען אַז דֶער בָּחוּר'ל – נַחְמָן, הָאט אִין זִיךְ אַסַאךְ תְּמִימוּת הָאט עֶר אִים מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעזָאגְט וִוי אַזוֹי עֶר זָאל לֶערְנֶען וְכוּ', בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער ז"ל, פְלֶעגְט עֶר זָאגְן וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל פַארְצֵיילְן פוּן זַיין רֶבִּי'ן ר' נָתָן מוֹפְתִים, "אַ מוֹפֵת בִּין אִיךְ" אַז פוּן "נַחְמָן וַואסֶער טְרֶעגֶער" אִיז גֶעוָוארְן "ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער".

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן צוּ פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן עֶר נֶעמְט אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן הֵייבְּט אָן זָאגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, עֶר עֶנְדִיגְט אֵיין מָאל מִשְׁנַיוֹת אוּן נָאכְאַמָאל מִשְׁנַיוֹת, עֶר נֶעמְט אַ גְּמָרָא אוּן הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען בְּלֶעטֶער גְּמָרָא אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קַיין רְאַיוֹת צִי עֶס אִיז יָא גֶעלֶערְנְט צִי נִישְׁט, דֶעם מֶענְטְשׁ גֵייט שׁוֹין נִישְׁט אָן וָואס דֶער זָאגְט וָואס יֶענֶער זָאגְט, וָואס דֶער רֶבִּי הַאלְט אוּן וָואס דֶער מְפוּרְסָם זָאגְט, עֶר שְׁרֵייט: "אַ רְאָיָה בִּין אִיךְ"! "אַ מוֹפֵת בִּין אִיךְ"! פוּן מִיר – וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אוּן אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט דִי נֶעמֶען פוּן דִי מַסֶּכְתּוֹת אִיז גֶעוָוארְן אַ ר'...! אִיךְ לֶערְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּן אִיךְ פַארְפֶעל נִישְׁט קַיין אֵיין טָאג פוּן מַיינֶע שִׁיעוּרִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וְזֹאת הַבְּרָכָה תשע"ח)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִי"ם טֶעג

מִיר הָאבְּן יֶעצְט אַרַיינְגֶעטְרֶעטְן אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז דִי וָואכְן זֶענֶען גָאר שְׁטַארְק מְסוּגָל אוֹיף תְּשׁוּבָה, אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג אִיז גְרִינְגֶער זִיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אִין לֶעבְּן.

דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ רֶעכְנְט אוֹיס וִויפִיל תַּעֲנִיתִים אַ מֶענְטְשׁ דַארְף פַאסְטְן, אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה בַּאזוּנְדֶער וָואס עֶר הָאט ח"ו עוֹבֵר גֶעוֶוען. אוֹיבּ וֶועלְן מִיר דַארְפְן פַאסְטְן דִי אַלֶע תַּעֲנִיתִים, הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶענוּג טֶעג אִין לֶעבְּן צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דִי אַלֶע תַּעֲנִיתִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַ מָשָׁל אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר וָואס הָאט גֶעהַאט גָאר אַסַאךְ גֶעלְט. דֶער עוֹשֶׁר הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ מֶעלְדוּנְג אַז וֶוער עֶס וִויל בָּארְגְן גֶעלְט קֶען קוּמֶען צוּ אִים אוּן בָּארְגְן וִויפִיל מֶען וִויל. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶענוּג מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעכַאפְּט דֶערְצוּ אוּן דֶער עוֹשֶׁר הָאט טַאקֶע גֶעבָּארְגְט פַאר יֶעדְן וִויפִיל מֶען הָאט נָאר גֶעוָואלְט, אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁרִיבְּן אַלֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת


<<<<<<


## א גוט ווארט

זֶע צוּ הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם שַׁבָּת; חֶסֶד הֵייבְּט זִיךְ אָן אִין שְׁטוּבּ, זַיי נִישְׁט פַארְנוּמֶען מִיט קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאכְן, הֶעלְף דַיין וַוייבּ זִי זָאל נִישְׁט צוּזַאמְבְּרֶעכְן, זִי זָאל הָאבְּן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין אִין שְׁטוּבּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסג) אַז מֶען דַארְף רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ, מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר אוּן אִיר הַאלְטְן טֵייעֶר; בִּפְרַט עֶרֶב שַׁבָּת דַארְף מֶען מֶער זַיין פָארְזִיכְטִיג נִישְׁט צוּ מַאכְן קַיין פְּרֶעשׁוּר אִין שְׁטוּבּ, דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א שְׁרַייבְּט אִין סֵפֶר עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ (מוֹרֶה בְּאֶצְבַּע סִימָן ד, אוֹת קמ) אַז עֶרֶב שַׁבָּת קוּמְט דֶער שָׂטָן אִין יֶעדֶע שְׁטוּבּ אוּן עֶר וַוארְט נָאר אַז עֶס זָאל אוֹיסְבְּרֶעכְן אַ מַחְלוֹקֶת צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ פַארְטְרָאגְן זִיךְ, בְּעִיקָּר שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וַוייל וֶוען דִי מַאן אוּן וַוייבּ פַארְטְרָאגְן זִיךְ אוּן לֶעבְּן צוּזַאמֶען בְּאַהֲבָה וְשָׁלוֹם, דֶעמָאלְט הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁלִיטָה אוֹיף זֵיי, עֶר וֶוערְט אַרוֹיס גֶעטְרִיבְּן פוּן אַזַא סָארְט שְׁטוּבּ.

גְרֵייט זִיךְ אָן שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס צוּ שְׁמוּעֶסְן בַּיי דִי שַׁבָּתִ'דִיגֶע סְעוּדוֹת; אַ שָׁאד דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט פָּאלִיטִיק אוּן לָשׁוֹן הָרַע. דַיין וַוייבּ וַוארְט צוּ הֶערְן זְמִירוֹת אוּן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים, אַ גַאנְצֶע וָואךְ אִיז מֶען פַארְנוּמֶען מִיט וָואס מֶען אִיז פַארְנוּמֶען אָבֶּער שַׁבָּת אִיז אַ טָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיְחִי תשי"פ)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# שְׁוַואכֶע נֶערְוְון, פְּחָדִים, דִמְיוֹנוֹת, אוּן עֶנְקְזַייעֶטִי אַטַאקֶעס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, יד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אִיר זָאלְט אַרַיין נֶעמֶען אִין אַייךְ דִי אֱמוּנָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר טוּט וָואס אִים גֶעפֶעלְט; קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן פַּאר אַ צְוֵוייטְן אָן דֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַזוֹי הֵייסְן - נִישְׁט קַיין גוּטְס אוּן זִיכֶער נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס.

ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה; עֶר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶערְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלַל, לֶעבְּט עֶר אַ רוּאִיג לֶעבְּן.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער אַלְס בָּחוּר וֶוען עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין וַואלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זַיין אַלֵיינְס אִין וַואלְד, פוּן דִי חַיוֹת וְכוּ', הָאט עֶר זִיךְ אוּנְטֶער גֶעזִינְגֶען דִי וֶוערְטֶער: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם". אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט פַארְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער אִין אָנְהֵייבּ, וַוייל עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זַיין אַלֵיינְס אִין וַואלְד, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶע'חַזֶר'ט דִי וֶוערְטֶער: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם", עֶר הָאט דָאס גֶע'חַזֶר'ט אָן אַ שִׁיעוּר, בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם פַּחַד פוּן קֵיינֶעם, פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן דִי שֵׁיינֶע נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער.

וִויסְן זָאלְט אִיר אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה וֶוערְט אִים שְׁטַארְק זַיינֶע נֶערְוְון, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר מֵיינְט אַז זַאכְן פַּאסִירְן סְתָם אַזוֹי אָן קַיין חֶשְׁבּוֹן, עֶר מֵיינְט אַז עֶס אִיז דָא טֶבַע מִקְרֶה מַזָל - אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט שְׁטֶענְדִיג מִיט פְּחָדִים, מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת; מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט זִיךְ כְּסֵדֶר, אוּן פוּן דֶעם קוּמֶען אַלֶע נֶערְוֶועזֶע קְרַאנְקְהֵייטְן לֹא עָלֵינוּ וְלֹא עֲלֵיכֶם, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה פַאר דִי וָואס לַיידְן אוֹיף דִי נֶערְוֶועזְן אִיז נָאר "אֱמוּנָה".

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ה): "**הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ, וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה**", דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּצוּקוּמֶען - אִיז צוּ אֱמוּנָה, "**כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה**", וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מַחֲלוֹת, זֵיי לַיידְן נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן זִיךְ נֶעבֶּעךְ צוּזַאם, דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: "**כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם - לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת**", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אוּן עֶר לַיידְט נֶעבֶּעךְ פוּן דִי מַחֲלוֹת וָואס קוּמְט פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת, אוּן עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּפִילָּה, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת. דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי יִסּוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן נֶעבֶּעךְ מִיט פוּן אַלֶע סָארְט יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ; עֶס פַּיינִיגְט זֵיי פוּן אִינֶעוֵוייניג - יֶעדֶער מִיט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה אוֹיף דֶעם אִיז אֱמוּנָה.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, אַ גַאנְצְן טָאג זָאלְט אִיר נָאר זִינְגֶען נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה; הַיינְט אִיז דָא זֵייעֶר שֵׁיינֶע נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, צִינְדְט אָן דֶעם סִידִי 'טַאנְץ מִיט אֱמוּנָה' בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ, אַ גַאנְצְן טָאג זָאלְט אִיר טַאנְצְן מִיט דִי נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, בִּיז עֶס וֶועט וֶוערְן אַיינְגֶעבַּאקְן אִין אַייךְ אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. אִיר וֶועט זִיךְ אוֹיפְהֶערְן צוּ בַּאשׁוּלְדִיגְן, אִיר וֶועט זִיךְ אוֹיפְהֶערְן צוּ דֶערְנִידֶערְן וְכוּ', אוּן אִיר וֶועט וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶעבְּן קַיין רִיר אָן דֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל

<<<<<<

>>>>>>

אִין זַיין בּוּךְ.

אֵיין טָאג אִיז דֶער עוֹשֶׁר אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען זַיינֶע בִּיכֶער אוּן גֶעזֶען אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעבָּארְגְט גָאר אַסַאךְ גֶעלְט, אָבֶּער דִי מֶענְטְשְׁן קִימֶערְן נִישְׁט צוּרִיק צוּ קוּמֶען אוּן בַּאצָאלְן דָאס גֶעלְט, אוּן דָאס הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעשְׁטֶערְט. צְוִוישְׁן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעבָּארְגְט גֶעלְט פוּן דֶעם עוֹשֶׁר אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעבָּארְגְט אַבִּיסְל גֶעלְט אוּן עֶר הָאט דָאס אַיינְגֶעשְׁטֶעקְט אִין אַ גֶעשֶׁעפְט, דֶער גֶעשֶׁעפְט הָאט אָבֶּער נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, עֶר הָאט פַארְלוֹירְן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע יִסּוּרִים פוּן דֶעם אַז עֶר קֶען נִישְׁט בַּאצָאלְן פַארְ'ן עוֹשֶׁר. דֶער מֶענְטְשׁ הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז אֲפִילוּ עֶר הָאט טַאקֶע נִישְׁט דָאס גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן, דַארְף עֶר כָאטְשׁ אַזוֹיפִיל טוּן אַז עֶר זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם עוֹשֶׁר אוּן זִיךְ פַארְעֶנְטְפֶערְן אוּן אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן. וֶוען עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן דֶעם עוֹשֶׁר אוּן אִים דֶערְצֵיילְט דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶר קֶען נִישְׁט צָאלְן זַיין חוֹב, הָאט אִים דֶער עוֹשֶׁר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס גֵייט מִיר אָן דָאס בִּיסְל גֶעלְט וָואס דוּ הָאסְט גֶעבָּארְגְט פוּן מִיר? דָאס אִיז מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט קֶעגְן דִי שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער וָואס אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מִיר שׁוּלְדִיג. דֶערִיבֶּער, אוֹיבּ וֶועסְטוּ זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַרוּמְצוּגֵיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן מִיר בַּאצָאלְן, אֲפִילוּ זֵיי זָאלְן נָאר בַּאצָאלְן אַ קְלֵיין חֵלֶק פוּן זֵייעֶר חוֹב, וֶועט עֶס נָאכְאַלְץ אוֹיסְקוּמֶען טוֹיזְנְטֶער מָאל מֶער גֶעלְט פוּן וִויפִיל דוּ בִּיזְט מִיר שׁוּלְדִיג, אוּן דַאן וֶועל אִיךְ דִיר אִינְגַאנְצְן מוֹחֵל זַיין אוֹיף דֶעם חוֹב".

מִיט דֶעם מָשָׁל הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְעוֹרֵר זַיין אַנְדֶערֶע אִידְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ אִיד אִיז מְחַזֵּק אַנְדֶערֶע אִידְן, עֶר שְׁטַארְקְט זֵיי אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַאן אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ גֶעבְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אַ סֵפֶר וָואס וֶועט יֶענֶעם מְחַזֵּק זַיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין צוּ תְּשׁוּבָה, אִיז דָאס נָאךְ מֶער חָשׁוּב. וַוייל וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ, וֶועט נִישְׁט אֵייבִּיג פַּאסְטְן פַאר יֶענֶעם מְקַבֵּל צוּ זַיין דִי וֶוערְטֶער, עֶר וֶועט זִיךְ שֶׁעמֶען אָנְצוּנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער, אוֹיךְ קֶען זַיין אַז יֶענֶער אִיז נִישְׁט יֶעצְט אִין דִי גִיסְטֶע צוּ הֶערְן חִיזּוּק אָדֶער מוּסָר. וֶוען מֶען גֶעבְּט אָבֶּער פַאר יֶענֶעם אַ סֵפֶר, דַאן וֶועט עֶס יֶענֶער אַרַיינְלֵייגְן אִין טַאשׁ; אוּן שְׁפֶּעטֶער, וֶוען קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט זֶען, אוּן וֶוען עֶר וֶועט זַיין אִין דִי גִיסְטֶע, וֶועט עֶר עֶס קֶענֶען לֵיינֶען אוּן לֶערְנֶען, אוּן דָאס וֶועט אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ שְׁוֶועריִקֵייטְן אִין לֶעבְּן, בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר מֶענְטְשְׁן צוּ פַארְזוּכְן פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת פוּן רֶבִּי'ן, קֶען מֶען מִיט דֶעם מַמָּשׁ רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דִי שְׂכַר אוֹיף דֶעם אִיז אוּמְשַׁאצְבַּאר.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער ס"מ קֶען דָאס נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, מֶען הַאקְט דָאךְ אוּנְטֶער מִיט דֶעם זַיין גַאנְצֶע הָארֶעוַואנְיֶע. עֶר אַרְבֶּעט שְׁוֶוער צוּ צוּבְּרֶעכְן דִי מוּט פוּן מֶענְטְשְׁן אַז מֶען זָאל פַארְלִירְן דִי חֵשֶׁק צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים זֶענֶען מְחַזֵּק אוּן מְעוֹדֵד אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, וַוייל סַיי וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר אָפְּגֶעטוּן אִין לֶעבְּן, קֶען עֶר אֵייבִּיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דֶערִיבֶּער וֶועט דֶער ס"ם זוּכְן אַלֶע וֶועגְן צוּ שְׁטֶערְן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אוֹיף זִיךְ (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז') אַז אֵיידֶער זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט דֶער ס"ם גֶע'טַעֲנָה'ט אַז אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט, הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט דָא וָואס צוּ זוּכְן. הָאט מֶען גֶעזָאגְט פַארְ'ן ס"ם אַז דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר זָאל זִיךְ גֵיין זוּכְן אַן עֵצָה. דֶער ס"ם אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטְן מֶענְטְשׁ אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעטְרָאפְן אַן עֵצָה...

אוּן דִי עֵצָה אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דָאס, אַז מֶען וֶועט לַאכְן... מֶען וֶועט אוֹיסְלַאכְן דִי בְּרֶסְלֶבּ'עֶ סְפָרִים, מֶען וֶועט חוֹזֵק מַאכְן דֶערְפוּן, אוּן דִי עֵצָה אַרְבֶּעט טַאקֶע זֵייעֶר גוּט... וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אָבֶּער מִיט אַן אֱמֶת'דִיגְן בְּלִיק, זֶעט עֶר אַז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים זֶענֶען מְחַי' אוּן מְחַזֵּק אַ אִיד אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָּבִים, דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים הָאבְּן דֶעם כֹּחַ צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען יֶעדְן אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז אַזוֹי וִוי עֶר אַלֵיין אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ אִיד הָאט גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר "מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ" פַאר זַיין פָאטֶער. אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם סֵפֶר אוּן גֶעזֶען דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן הִתְחַזְּקוּת, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ וַוייטֶער אוֹיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דֶעם צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פַאר יֶעדְן אִיד, אוּן מִיט דֶעם צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִי"ם טֶעג צוּ מְחַזֵּק זַיין נָאךְ אִידְן אוּן זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י' עֶרֶךְ הַפָּצָה וְעֶרֶךְ הִתְחַזְּקוּת. חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תמ"ז)

>>>>>>
הֵייסְן.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ דָא אַ תְּפִילָּה וָואס אִיר זָאלְט יֶעדְן טָאג זָאגְן, און אִיךְ זָאג אַייךְ צוּ, אַז אוֹיבּ אִיר וֶועט יֶעדְן טָאג זָאגְן דִי תְּפִילָּה - לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל, וֶועט אִיר בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט וֶוערְן גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק, אִיר וֶועט הָאבְּן שְׁטַארְקֶע נֶערְוְון, אִיר וֶועט מֶער נִישְׁט הָאבְּן קַיין פְּחָדִים מִיט דִּמְיוֹנוֹת, און אִיר וֶועט זִיךְ נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן וְכוּ'.

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן אַ אִינְגֶערְמַאן פָארִיגֶע וָואךְ, עֶר שְׁרַייבְּט מִיר אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר פַאר אַ הַאלְבּ יָאר צוּרִיק מִיט זַיין וַוייבּ; זַיין וַוייבּ הָאט גֶעהַאט בְּעֶרֶךְ דָאס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, זִי הָאט גֶעהַאט שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּחָדִים, עַד כְּדֵי כַּךְ עֶס פְלֶעגְט אִיר אָנְכַאפְּן אַן עֶנְקְזַייעֶטִי אַטַאקֶע. אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעגֶעבְּן אַ תְּפִילָּה וָואס צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג, און עֶר שְׁרַייבְּט מִיר דִי וֶוערְטֶער: "מַיין וַוייבּ אִיז אַרוֹיס גֶעקְרָאכְן אִינְגַאנְצֶען פוּן אִירֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אָן קַיין טֶערֶעפִּי און אָן קַיין מֶעדִיצִין, מַמָּשׁ אַ מוֹפֵת פוּנֶעם דִי רֹאשׁ יְשִׁיבָה"; עֶר מֵיינְט אַז דָאס אִיז מַיין מוֹפֵת, עֶס אִיז אַ מוֹפֵת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ מוֹפֵת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס זָאגְט אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה פַאר שְׁוַואכֶע נֶערְוְון, פְּחָדִים, דִּמְיוֹנוֹת, אִיז נָאר אֱמוּנָה.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ אַייךְ אוֹיךְ אִיר זָאלְט יֶעדְן טָאג זָאגְן דִי תְּפִילָּה, נִישְׁט אֵיין מָאל, נִישְׁט צְוֵויי מָאל - נָאר יֶעדֶעס מָאל אִיר שְׁפִּירְט וִוי אַייעֶרֶע מַחְשָׁבוֹת קוּמֶען צוּ לוֹיפְן און שְׁטוּרֶעמֶען דַיין קָאפּ, אִיר שְׁפִּירְט וִוי דֶער קָאפּ דְרֵייט זִיךְ אַייךְ מִיט אַלֶע נֶעגַאטִיוֶוע מַחְשָׁבוֹת, זָאלְט אִיר נֶעמֶען דִי תְּפִילָּה און דָאס זָאגְן אוֹיפְן קוֹל, וֶועט אִיר זֶען בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט אַז עֶס וֶועט אַייךְ בֶּעסֶער וֶוערְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעס גוּטְס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן, פַאר מַיין טַייעֶרֶע מַאן, פַאר מַיינֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, פַאר אַלֶעס גוּטְס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט מִיט מִיר - אַלֶעס קוּמְט פוּן דִיר, אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אַז קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן, נִישְׁט קַיין גוּטְס און זִיכֶער נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר קוּמְט פוּן דִיר. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט דִיר, אִיךְ זָאל דִיר שְׁפִּירְן, הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער עֶס אִיז מִיר אַזוֹי עֶנְג, מַיין קָאפּ דְרֵייט זִיךְ מִיר אַ גַאנְצֶע טָאג מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אִיךְ טְרַאכְט אַ גַאנְצְן טָאג נָאר שְׁלֶעכְטְס אוֹיף מִיר, אִיךְ בַּאשׁוּלְדִיג מִיר, אִיךְ הָאבּ מִיר נִישְׁט לִיבּ, מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת פַּיינִיגְן מִיר, אִיךְ שְׁפִּיר אַסַאךְ מָאל וִוי אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ שְׁפִּיר אַז מַיינֶע נֶערְוְון פְלַאצְן מִיר פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, טַאטֶע זִיסֶער, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרַאכְטְן נָאר פָּאזִיטִיוו, אִיךְ זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מִיךְ נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס קוּמְט פוּן דִיר. בַּאשֶׁעפֶער, קוּק צוּ מַיינֶע טְרֶערְן, קוּק וִוי אִיךְ וֵויין, קוּק אוֹיף מַיין צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַעַת - דוּ גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבְּסְט שֵׂכֶל פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, וּמְלַמֵּד לֶאֱנוֹשׁ בִּינָה - דוּ גֶעבְּסְט פַארְשְׁטַאנְד פַאר אַלֶעמֶען, בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע - וְחָנֵּנוּ מֵאִתְּךָ חָכְמָה בִּינָה וָדָעַת, גֶעבּ מִיר אוֹיךְ שֵׂכֶל און פַארְשְׁטַאנְד אִיךְ זָאל מִיךְ נִישְׁט פַּיינִיגְן.

בַּאשֶׁעפֶער, אַסַאךְ מָאל שְׁפִּיר אִיךְ וִוי מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אִיךְ טְרַאכְט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אִיךְ ווִיל אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַיין לֶעבְּן, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס דָאךְ דֶעם אֱמֶת אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, נָאר צוּ דִיר טַאטֶע זִיסֶער.

דֶערְפַאר קוּם אִיךְ צוּ דִיר און אִיךְ בֶּעט דִיר הֶעלְף מִיר! הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דַיינֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים אַבְרָהָם יִצְחָק און יַעֲקֹב, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי אִמָּהוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל און לֵאָה, בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶע רֶבִּי, רַבֵּינוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בִּזְכוּת זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זי"ע, און בִּזְכוּת מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע, אָמֵן.

דִי תְּפִילָּה זָאלְט אִיר הַאלְטְן מִיט אַייךְ, און יֶעדְן טָאג זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִיר הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה בְּקָרוֹב מַמָּשׁ.
אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.
אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּרָא תשע"ח)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




## הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָנְגֶענוּמֶען מַיין תְּשׁוּבָה?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אֶת חֲטָאַי אֲנִי מַזְכִּיר הַיּוֹם, פַאר אַסַאךְ יָארְן בִּין אִיךְ לֵיידֶער גֶעוֶוען אַיינְגֶעטוּנְקֶען אִין עֲבֵירוֹת, בִּיז דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם זוּמֶער וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער אַזוֹי אָנְגֵיין, אִיךְ הָאבּ זִיךְ עֶרְנְסְט גֶענוּמֶען אִין דִי הַאנְט אַרַיין, און פוּן דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ זִינְדִיגְן.

מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט מְקַבֵּל מַיין תְּשׁוּבָה, וַוייל סְ'זֶעט מִיר אוֹיס וִוי עֶר צֶעשְׁטֶערְט מִיר מַמָּשׁ יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ ווִיל טוּן, לְמָשָׁל אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ גֵיי בַּאקוּמֶען אַ פָּאסְטְן אַלְס מְלַמֵּד אִין אַ פְלַאץ וָואס מְ'צָאלְט מֶער פוּן וָואס אִיךְ פַארְדִין הַיינְט, און מְ'הָאט מִיר לְמַעֲשֶׂה נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען, אָדֶער לְמָשָׁל פַאר סוּכּוֹת הָאבּ אִיךְ דָאס יָאר צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אַרוֹיסְגֶעבּוֹיעֶט מַיין פָּארְטְשׁ צוּ קֶענֶען הָאבְּן אַ רַחֲבוּת'דִיגֶע סוּכָּה, און פְּלוּצְלִינְג בִּין אִיךְ זֵייעֶר פַארְקִילְט גֶעוָוארְן און נִישְׁט גֶעקֶענְט הַנָאָה הָאבְּן פוּן דִי סוּכָּה, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל מִיר צֶעשְׁטֶערְן דֶעם יוֹם טוֹב.

אִיךְ ווִיל זִיךְ שְׁטַארְקְן און וַוייטֶער גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און נִישְׁט צוּרִיק פַאלְן צוּ מַיינֶע עֲבֵירוֹת, בִּיטֶע הֶעלְפְט מִיר און זַייט מִיר מְחַזֵּק.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר און וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט אַלֶע דַיינֶע חֲטָאִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסִיקְתָּא דְּרַב כַּהֲנָא): "גָּדוֹל כּוֹחָהּ שֶׁל תְּשׁוּבָה", תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, "שֶׁכֵּיוָן שֶׁאָדָם מְהַרְהֵר בְּלִבּוֹ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אַז וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט פוּן תְּשׁוּבָה - עֶר טְרַאכְט 'אִיךְ ווִיל זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן', "מִיַּד הִיא עוֹלָה לֹא עַד עֲשָׂרָה יָמִים, וְלֹא עַד עֶשְׂרִים וְלֹא עַד מֵאָה, אֶלָּא עַד מַהֲלַךְ חֲמֵשׁ מֵאוֹת שָׁנִים; וְלֹא עַד רָקִיעַ רִאשׁוֹן וְשֵׁנִי, אֶלָּא שֶׁהִיא עוֹמֶדֶת לִפְנֵי כִּסֵּא הַכָּבוֹד", קוּמְט עֶר גְלַייךְ אָן צוּם כִּסֵּא הַכָּבוֹד.

אַ אִיד טָאר נִישְׁט זָאגְן אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֶעשְׁטֶערְט מִיר יֶעדֶע זַאךְ", אָדֶער: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צֶעשְׁטֶערְט מַיין יוֹם טוֹב"; זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף וָואס אִיךְ זָאג דִיר דָאס, אַ אִיד טָאר אַזוֹי נִישְׁט רֶעדְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט און טוּט נָאר גוּטְס מִיט אוּנְז.

דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קמה, יז): "צַדִּיק ה' בְּכָל דְּרָכָיו, וְחָסִיד בְּכָל מַעֲשָׂיו", און (שָׁם, ט): "טוֹב ה' לַכֹּל וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם; אֲפִילוּ אִיךְ זֶע עֶס נִישְׁט, אֲפִילוּ אִיךְ פַארְשְׁטֵיי עֶס נִישְׁט - דַארְף אִיךְ הָאבְּן אֱמוּנָה אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה, און דָאס אַז אִיךְ זֶע עֶס נִישְׁט און פַארְשְׁטֵיי עֶס נִישְׁט - דָאס אִיז אוֹיךְ פַאר מַיין טוֹבָה.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט וֶוערְט בַּיי אִים אָפְּגֶעקִילְט דִי אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כב): "הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה לְאָדָם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט גֵייט אַרַיין אִין אִים מַחְשָׁבוֹת פוּן כְּפִירָה; מֶען הֵייבְּט אָן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה. דוּ דַארְפְסְט נָאךְ אַסַאךְ תְּשׁוּבָה טוּן עֶס זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן דִיר אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, דוּ זָאלְסְט זַיין אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זֶע צוּ זָאגְן תְּהִילִּים יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אֱמֶת'עֶ תְּשׁוּבָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן זָאל זָאגְן תְּהִילִּים. רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם 'יוֹם תְּהִילִּים', אַזוֹי עֶנְדִיגְט מֶען יֶעדֶע וָואךְ גַאנְץ תְּהִילִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תּוֹלְדוֹת תש"פ)




**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**
צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 347-509-4908

BreslevCenter.com\answers

# די לעבנסגעשיכטע פון הייליגן רבי׳ן (נג)

**אין קורצן פון פריער: ר׳ יצחק, דער באגלייטער פון רבי׳ן, וויל גיין אויף טבריה, אבער צום סוף זאגט אים דער רבי אז ער זאל נישט גיין, נאר זיי בלייבן אין חיפה.**

### רלו

דערווייל איז באקאנט געווארן אין ארץ ישראל, פאר די איינוואוינער פון צפת און טבריה, אז דער הייליגער רבי געפונט זיך אין חיפה, און די גדולים און צדיקים פון דארט, ווי הרב הקדוש רבי אברהם קאליסקער זי״ע, און אויך פון ספרד׳ישע חכמים, האבן געשיקט מענטשן צום רבי׳ן, אים צו בעטן אז ער זאל קומען צו פארן צו זיי.

די מענטשן זענען אנגעקומען צום רבי׳ן אויף יום כיפור, און זיי האבן אים געברענגט א בריוו אונטערגעשריבן פון די גרויסע צדיקים און גדולים, אז אלע בעטן זיך ביי אים ער זאל קומען קיין טבריה אויף יום טוב סוכות. דער רבי האט זיך אבער זיך נישט געקוקט אויף דעם, און איז געבליבן אין חיפה.

### רלז

יום כיפור איז דער רבי געווען אין חיפה, מיט די אידן וואס זענען געקומען צו אים פון טבריה.

### רלח

דערנאך האט דער רבי געזאגט פאר זיין באגלייטער ר׳ יצחק אז ער זאל אים גיין קויפן אתרוגים. און ער איז טאקע געגאנגען צום ארטיגן חכם און אים געגעבן צוואנציג פאריס, און ער איז געגאנגען צו אן אראבישן פעלד, און געברענגט פון דארט דריי הערליכע אתרוגים מבחרים.

### רלט

אין די צייט וואס דער רבי האט געוויילט אין חיפה, איז געקומען צו אים א יונגער אראבער, און ער האט זיך געזעצט נעבן רבי׳ן און גערעדט צו אים אסאך, דער רבי האט אבער נישט פארשטאנען וואס יענער רעדט. דאס האט זיך איבערגע׳חזר׳ט ביי יעדע סעודה, בייטאג און ביינאכט, דער אראבער איז כסדר נאכאמאל געקומען און גערעדט צום רבי׳ן מיט גרויס ליבשאפט.

איין מאל איז דער אראבער אנגעקומען מיט געווער מיט א געוואלדיגע כעס, און ער האט אנגעהויבן זייער צו שרייען און פארפירן אויפ׳ן רבי׳ן. דער רבי האט נישט געוואוסט וואס ער רעדט, עס איז אבער געווען דארט א פרוי פון וואליחיי וואס האט יא פארשטאנען, און גלייך ווען דער אראבער איז אוועק געגאנגען האט זי געזאגט צום רבי׳ן, ״איר זאלט למען השם שוין אנטלויפן פון דעם הויז, ווייל דער אראבער האט געזאגט אז ער וויל דער רבי זאל ארויסגיין אין א מלחמה מיט אים״.

דער רבי איז טאקע אנטלאפן צום הויז פון הייליגן צדיק רבי זאב וואלף פון טשארני-אוסטראה זי״ע וואס איז אויך דעמאלט געווען אין חיפה, און ער האט באהאלטן דעם רבי׳ן אין אן הונטערשטן צימער.

דערנאך איז דער אראבער נאכאמאל צוריק געקומען צו די אכסניא פון רבי׳ן און געזאגט, ״וואו איז דער מענטש? ער דארף וויסן אז איך האב אים זייער ליב, איך וועל אים געבן אייזלען און אויך מיין פערד, אז ער זאל קענען גיין מיט די שיירה קיין טבריה, פון יעצט דארף ער שוין גארנישט מער מורא האבן פון מיר״, און אזוי איז טאקע געווען, דער רבי איז צוריק געקומען צו זיין אכסניא, און דער אראבער איז געקומען און האט גארנישט גערעדט, ער איז נאר געזעסן שטיל און געלאכט די גאנצע צייט, און דערנאך האב דער אראבער זייער ליב געהאט דעם רבי׳ן. די גאנצע מעשה מיט דעם אראבער איז געווען זייער מאדנע און פארהוילן.

דער רבי האט געזאגט אז ער האט געהאט מער יסורים פון די ליבשאפט פון דעם אראבער, ווי פון זיין פיינטשאפט און כעס.

[לויט ווי מ׳האט שפעטער געהערט פון הייליגן רבי׳ן, איז ער געווען אין א גרויסע סכנה פון דעם אראבער, דאס איז געווען דער סמך-מם אליין וואס האט זיך אזוי פארשטעלט, און ברוך ה׳ אז ער איז געראטעוועט געווארן פון אים בשלום בחסדי ה׳].

פארזעצונג קומט אי״ה - גענומען פון ספר ״פעולת הצדיק״

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# נייע ״אינטערוויוס״ אפטיילונג אויף ״קול ברסלב״

אין א פרישע רינגל אין די גאלדענע קייט פון די הייליגע פעולות פון ברענגען אידישע קינדער צום אייבערשטן, איז יעצט צוגעלייגט געווארן א פרישע אפטיילונג צום פאפולערן האטליין ״קול ברסלב״, וואס אין צוגאב צו די פילע אפטיילונגען וואס זענען שוין ביז יעצט געווען, ווי שיעורים פון מוהרא״ש זי״ע, שיעורים פון ראש ישיבה שליט״א, די טעגליכע שיעורים, אינגעלייט שיעורים, שיעורים אויף תנ״ך, שיעורים אין גמרא, ספעציעלע חינוך שיעורים, און נאך שיעורים פון אנדערע מגידים, און צום לעצט איז צוגעלייגט געווארן דער נייער קנעפל ״פאמיליע ווינקל״ וואס איז גאר שנעל געווארן זייער אויפגעכאפט, וואו מען קען הערן מעשיות פון תפלה צעטיילט פון מעשיות פון אינגעלייט, בחורים און קינדער וואו מען לאזט טעגליך אריין פילע ״תפלה מעשיות״ וואס די בעלי המעשה דערציילן אליינס ווי זיי האבן געהאט א צרה און זענען וואונדערליך געהאלפן געווארן נאכ׳ן בעטן דעם אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, און דערנאך איז דא דארט די ״מעשיות פון הפצה״ וואס מפיצים דערציילן דארט פילע מעשיות פון אידן וואס זענען געהאלפן געווארן דורך הפצה, און זענען זיך מחזק ווייטער אנצוגיין. אויך קען מען דארט הערן ״סיפורי צדיקים״.

אין צוגאב צו דעם אלעם איז פאריגע וואך צוגעלייגט געווארן דער נייער קנעפל ״אינטערוויוס״, (אונטער ״פאמיליע ווינקל״) וואו עס איז שוין ביז יעצט ארויפגעלייגט געווארן עטליכע גאר דראמאטישע אינטערוויוס מיט היימישע אינגעלייט, וואס דערציילן פון זייער ערפארונג, וואס זיי זענען דורכגעגאנגען ביז זיי האבן געטראפן די ישיבה, און וואס דער ראש ישיבה שליט״א האט געטון מיט זיי און מיט זייערע קינדער, און נאך פארשידענע גאר אינטערסאנטע עפיזאדן וואס זיי זענען פערזענליך אריבער געגאנגען.

די נייעס פון דעם נייעם אינטערוויוס אפטיילונג האט זיך פארשפרייט פון מויל צו אויער, און ביז א קורצע צייט פון ווייניגער פון א וואך זינט עס איז ארויפגעשטעלט געווארן, איז דער האטליין פארפלייצט געווארן יעדן טאג מיט טויזנטער קאלס פון אידן וואס דרוקן גלייך אריין 1/7/5 צו הערן די אינטערוויוס. די גריסן האבן נישט געשפעטיגט צו קומען. אידן געבן איבער ווי די אינטערוויוס זענען זיי מחזק און מעודד, ווייטער צו פאלגן דעם הייליגן רבי׳ן און זיינע עצות, רעדן צום אייבערשטן, לערנען שיעורים כסדרן, זיך מחזק זיין ווייטער צו מכבד זיין די ווייב, א.א.וו.

ווי עס געבן איבער די פארוואלטונג פון ״קול ברסלב״ וועט נאך מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף קומען נאך אסאך גאר דראמאטישע איבערראשונגען, גאר אינטערעסאנטע אינטערוויוס מיט פארשידענע אידן, וואס וועט האלטן געשפאנט די צוהערער בעזהשי״ת.

די נייע אפטיילונג וועט איר טרעפן אויפ׳ן האטליין דורך די קנעפלעך ווי פאלגענד: אידיש (1) / פאמיליע ווינקל (7) / אינטערוויוס (5).

פאר אלע לאקאלע נומערן צו רופן דעם האטליין, זעט אינעם קעסטל ביים סוף פונעם גליון.

**לא רעב ללחם כי אם לשמוע את דבר ה׳!**

## על הטוב יזכרו המנדבים להפצת הגליון

**מו״ה מאטי ראזענפעלד הי״ו**
**צו די שמחה פון געבורט פון א מיידל למזל טוב**

## סימן טוב ומזל טוב

מו״ה **נחמן נתן קרויס** שליט״א
מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים
צו די אפשערן פון זיין זון אליעזר שלמה ני״ו למזל טוב

***

מו״ה **יואליש קרויס** הי״ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו״ה **מאטי ראזענפעלד** הי״ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

## צוויי טעלעפאנס

**יא, מיט די מוסדות פון מיינע קינדער קום איך זיך אויס; לאמיך אבער מאכן א חשבון הנפש פאר מיר אליין אויב איך דארף דאס האבן. הערט א רייכע שיעור אין דעם נושא אויף:**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**2, 1, 6, 1, 59**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, ״עצתו אמונה״, דרשות, ניגונים, סידי״ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז״ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**